**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/26/2026

## גאווערנער האקול אנאנסירט קאנסטרוקציע אונטערוועגס פאר נייע 1.7 ביליאן דאלארדיגע פובליק געזונטהייט לאבארעטאריע

***העלט דעפארטמענט'ס נייע Wadsworth Center לאבארעטאריע צו פארשטערקערן סטעיט'ס גרייטקייט זיך צו אפרופן צו פובליק געזונטהייט קריזיסן***

***[סטעיט פארעפנטליכט געמאלענע דעזיינס](#) אויפדעקנדיג צוקונפטיגע לאבארעטאריע'ס פארגעשריטענע דעזיין***

***לאבארעטאריע ערווארטעט צו זיין פארטיג אין 2030***

***Wadsworth Center איז געוואקסן צו ווערן די גרעסטע און מערסט פארשידנארטיגע סטעיט פובליק געזונטהייט לאבארעטאריע אין דאס לאנד, באשיצנדיג די געזונטהייט פון ניו יארקער און קאמיוניטיס ווייט ארויס פון סטעיט'ס גרעניצן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע איז אפיציעל אונטערוועגס פאר די פלאנירטע 1.7 ביליאן דאלארדיגע פארגעשריטענע פובליק געזונטהייט לאבארעטאריע וואס וועט טראנספארמירן ניו יארק'ס מעגליכקייט צו אויפכאפן, פארמיידן און זיך אפרופן צו ניי-ארויסשטייגנדע דראאונגען. די נייע Wadsworth Center איינריכטונג וועט צוזאמשטעלן פינף אומפארבינדענע לאקאציעס אריבער די גרעיטער אלבאני ראיאן צו צוזאמגעגאסן ווערן אין איין איינצלנע, מאדערנע איינריכטונג, פארשטערקערנדיג די סטעיט'ס מעגליכקייט זיך צו ווירקזאמערהייט אפרופן צו צוקונפטיגע פובליק געזונטהייט דראאונגען, שטיצן דעם קומענדיגן דור פון וויסנשאפטלער און צושטעלן געלעגנהייטן פאר צוזאמענארבעט אריבער דאס לאנד. די איינריכטונג איז ערווארטעט צו זיין פארטיג אין 2030. זינט 1901, איז די Wadsworth Center געוואקסן צו ווערן די גרעסטע און מערסט פארשידנארטיגע סטעיט פובליק געזונטהייט לאבארעטאריע אין דאס לאנד.

"די נייע Wadsworth Center לאבארעטאריע איז א מאכטפולע אינוועסטירונג אין די געזונטהייט פון יעדער מענטש אין ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די לאבארעטאריע וועט ערלויבן די סטעיט צו בעסער פאראויסזעהן און זיך גרייטן פאר ניי-ארויסשטייגנדע דראאונגען צו די געזונטהייט פון די פובליקום, און עס וועט זיין איינס פון די מערסט פארטרויליכע פובליק געזונטהייט לאבארעטאריעס אין דאס לאנד, האבנדיג אן איינפלוס אויף פובליק געזונטהייט פאליסי און סטאנדארטן אויף די סטעיט, נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע שטאפל."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט (Department of Health) קאמישאנער, Dr. James McDonald (דר. דזשעימס מעקדאנעלד), האט געזאגט,** "די העלט דעפארטמענט'ס נייע Wadsworth Center לאבארעטאריע איז עדות איבער גאווערנער Hochul's (האקול) פארפליכטונג צו באשיצן די געזונטהייט פון די פובליקום דורכן האלטן ניו יארק סטעיט אויף די סאמע פראנט פון פארשריט

אין די נאכפאלגונג פון קראנקהייטן. די איינריכטונג וועט אונז העלפן זיכער מאכן אז אונזער לאנד'ס-פירנדע פובליק געזונטהייט פארשונג לאבארעטאריע בלייבט אויף די פארגעשריטענע שפיץ פון ביאלאגישע-מעדיצינישע און ענווייראמענטאלע פארשונג וואס איז קריטיש צו באשיצן די געזונטהייט פון די פובליקום."

**דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט (Dormitory Authority of the State of New York, DASNY) פרעזידענט און CEO, Robert J. Rodriguez (ראבערט דזש. ראדריגעז), האט געזאגט,** "DASNY איז שטאלץ צו אהערשטעלן דעם טראנספארמאטיוון 1.7 ביליאן דאלארדיגן פראיעקט פאר די העלט דעפארטמענט. אלס די סטעיט'ס קאנסטרוקציע און פינאנצירונג אויטאריטעט, זענען מיר פארפליכטעט צו אויפבויען אינפראסטרוקטור וואס באדינט ניו יארקער פאר פילע קומענדיגע דורות. דאס איז איינס פון די מערסט באדייטנדע פובליק געזונטהייט לאבארעטאריע פראיעקטן אין דאס לאנד, און אונזער מאנשאפט ארבעט פון די נאענט מיט אונזערע דעזיין און קאנסטרוקציע שותפים צו זיכער מאכן אז די Wadsworth Center באקומט אן ערשט-קלאסיגע איינריכטונג וואס פאסט זיך פאר איר בארימטע וויסנשאפטליכע מיסיע. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר חזון און פארפליכטונג צו די קריטישע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס פובליק געזונטהייט אינפראסטרוקטור."

היינט, שטייט די Wadsworth Center אויף די סאמע פראנט פון ערפינדונג, באשיצנדיג די געזונטהייט פון ניו יארקער און קאמיוניטיס אפילו ווייט ארויס פון די סטעיט'ס גרעניצן. די צענטער איז אנערקענט דורך די CDC און אנדערע פעדעראלע אגענטורן אלס א מקור פאר נאציאנאלע פארשונג פאר א ברייטע רייע פון אנשטעקיגע קראנקהייטן, ענווייראמענטאלע סכנות און גיפטיגע מאטעריאלן דראאונגען.

דאס זיין אוועקגעשטעלט אין די W. Averell Harriman קאמפוס אין אלבאני, וועט ערלויבן פאר די Wadsworth Center צו אויספלאסטערן די וועג פאר אפילו נאענטערע צוזאמענארבעט מיט די דערנעבנדע SUNY אלבאני אוניווערסיטעט (SUNY University at Albany) קאמפוס, ארויפבויענדיג אויף אקאדעמישע שותפות'ן וועלכע גייען צוריק צו די מיטן-1980'ער יארן, און אזוי אויך מיט די דערנעבנדע ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ( Department of Agriculture and Markets) עסנווארג לאבארעטאריע. די לאבארעטאריע וועט ארייננעמען נאענט צו 800 שטאב מיטגלידער און איז דעזיינט צו קענען צוגעפאסט ווערן צו די אנטוויקלנדע באדערפענישן אין לויף פון אירע יארן, מיט א שטארקע דגש אויף ענערגיע שפארזאמקייט און שטאנדהאפטיגקייט.

די דעזיין און קאנסטרוקציע מאנשאפט איז א געמיינזאמע אונטערנעמונג דורך Gilbane Building Company און Turner Construction Company, אין צוזאמענארבעט מיט HOK ארכיטעקטן. די מאנשאפט'ס דעזיין פאר די נייע לאבארעטאריע שטעלט פאר א פינף-שטאקיגע לאבארעטאריע, 663,000 סקווער פיס אין סך הכל געבויטע שטח.

די Wadsworth Center פירט אן א ברייטע רייע פון לאנד'ס-פירנדע פראגראמען וועלכע האבן געמאכט ניו יארק פאר א מוסטער פאר פובליק געזונטהייט לאבארעטאריעס אריבער דאס לאנד. צוזאמען, האבן די פראגראמען געטריבן ערפינדונג, פארשטערקערט גרייטקייט און געהיטן אויף קאמיוניטיס פון ניי-ארויסשטייגנדע דראאונגען.

- **פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי אפרופונג:** האט אנגעפירט אויפכאפונג און נאכפאלגונג פון די 2022 פאליאווירוס אויסברוך, אריינרעכענענדיג אידענטיפיצירונג פון די ערשטע פאל פון פאראליזירנדע פאליא אין די פאראייניגטע שטאטן.
- **סוער וואסער נאכפאלגונג און דיאגנאזירונג:** דינט אלס ניו יארק סטעיט'ס הויפט סוער וואסער נאכפאלגונג לאבארעטאריע צו אויפכאפן ניי-ארויסשטייגנדע באצילן און באקטעריע וואס לעבט איבער אנטיביאטיק.

- **ענווייראמענטאלע געזונטהייט פירערשאפט:** פונקציאנירט אלס די סטעיט'ס הויפט זיכערע טרונקען וואסער געזעץ (Safe Drinking Water Act) לאבארעטאריע און אלס א נאציאנאלע פירערין אין אויפכאפונג, נאכפאלגונג און באריכטונג.
- **ערפינדערישע דיאגנאסטישע טעסטינג אנטוויקלונג:** די צענטער'ס דיאגנאסטישע אנטוויקלונגען זענען פאראויס פון די CDC אין פעלדער פון טעסטס פאר טובערקולאז, Mpox און אינפלוענזא.
- **ניי-געבוירענע בעיבי טעסטס פראגראם:** שטופט פאראויס רוטינע טעסטס פאר מער פון 210,000 ניי-געבוירענע בעיביס יערליך פאר מער פון 50 קראנקהייטן, ערמעגליכנדיג פריע דיאגנאזע און לעבנס-ראטעוועדע קעיר.
- **רעגולאטארישע און איבערזיכט פראגראמען:** שטעלט אוועק און אינפארסירט שטארקע סטעיט-ברייטע לאבארעטאריע סטאנדארטן, איבערשטייגנדיג פעדעראלע פאדערונגען און דינענדיג אלס נאציאנאלע מוסטער.

די Wadsworth Center פייערט איר 125'סטע יארטאג היי יאר. די נייע לאבארעטאריע וועט ווייטער פאראויס גיין מיט די שטאלצע היסטאריע, זיכער מאכנדיג אז די Wadsworth Center בלייבט אן ערשט-קלאסיגע פובליק געזונטהייט אינסטיטוציע דינענדיג ניו יארק סטעיט און ארויס פון אירע גרעניצן פאר פילע קומענדיגע דורות.

**סטעיט סענאטארשע Patricia Fahy (פעטרישע פעיהי) האט געזאגט,** "פאר די לעצטע יאר צענדליג, האב איך געשתדל'ט פאר די ווידער-אויפבוי און צוזאמשטעלונג פון די Wadsworth פובליק געזונטהייט לאבארעטאריע, און איך לויב אויס די גאווערנער פארן שטיצן די אינוועסטירונג, וואס וועט אונז פירן צו צוריקבאקומען די ערשט-קלאסיגע סטאטוס פון די לאבארעטאריע. די 1.7 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין א פארגעשריטענע פובליק געזונטהייט לאבארעטאריע פאר ניו יארק איז די גרעסטע רעגירונג אינוועסטירונג אין דעם הויפטשטאט ראיאן אין צענדליגע יארן, און עס דארף דעזיינט ווערן צו פארזיכערן ווייטערע פאזיטיווע השפעות פאר אלבאני, שטייער באזע, ריטעיל און פארבינדענע ביזנעס אינוועסטירונגען. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער און איר מאנשאפט אין א באמיאונג צו צוציהען אן ארבעטסקראפט פון די 21'סטע יאר הונדערט, זיכער מאכן אז מיר האבן ווייטערע פאזיטיווע השפעות און צום שלוס — צוריק פארבינדן אן איזולירטע Harriman קאמפוס דורכן אויפקומען מיט א מייסטער פלאן פאר די איבערבויאונג פון די גאנצע קאמפוס."

**אסעמבלי מיטגליד John T. McDonald III (דזשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטער), RPh, האט געזאגט,** "די Wadsworth לאבארעטאריע איז א וועלטס פירערין ווען עס קומט צו פארשונג און פובליק געזונטהייט, און עס איז א געוואלדיגע אוצר פאר דעם הויפטשטאט ראיאן און ארויס דערפון. און דערפאר האב איך געארבעט מיט מיינע קאלעגן צו זיכער מאכן אז די ניי-אויסגעברייטערטע Wadsworth לאבארעטאריע פארבלייבט דא אין דעם הויפטשטאט ראיאן. אלס א העלט קעיר פראפעסיאנאל, בין איך דאנקבאר פאר די פארפליכטונג און אינוועסטירונג אין די נייע Wadsworth לאבארעטאריע ביי די Harriman קאמפוס. יעצט, מער פון סיי ווען בעפאר, מוז ניו יארק פארזעצן צו זיין א פירערין אויף די פובליק געזונטהייט פראנט. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) און די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט פאר זייער פירערשאפט, און איך בין שטאלץ צו האבן געשטיצט- און וועל פארזעצן צו שטיצן די וויכטיגע פארשונג צענטער, וואס איז אויך א קריטישע טייל פון אונזער עקאנאמיע דא אין דעם הויפטשטאט ראיאן."

**אסעמבלי מיטגלידערין Amy Paulin (עימי פאולין) האט געזאגט,** "די נייע Wadsworth לאבארעטאריע וועט העלפן ניו יארק און דאס לאנד זיך צו באנעמען מיט די ניי-ארויסשטייגנדע פובליק געזונטהייט דראאונגען יעצט און אריין אין די צוקונפט. די נייע איינריכטונג וועט ערלויבן ניו יארק צו שטיין אין שפיץ פון דאס לאנד מיט פובליק געזונטהייט גרייטקייט פאר צוקונפטיגע דורות."

**אסעמבלי מיטגלידערין Gabriella A. Romero (גאבריעלא א. ראָומעראָו) האט געזאגט,** "די 1.7 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין א נייע פארגעשריטענע Wadsworth Center איז א הערליכע געלעגנהייט פאר אלבאני און וועט ערלויבן ניו יארק סטעיט צו פארזעצן צו שטיין אין שפיץ פון וויסנשאפט, ערפינדונג און פובליק געזונטהייט. מיט די צוזאמשטעלונג פון Wadsworth צו ווערן אן אייצלנע ערשט-קלאסיגע לאבארעטאריע אויף די Harriman קאמפוס וואס העלפט פארבעסערן ניו יארק'ס פובליק געזונטהייט גרייטקייט, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן שאפן א פלאץ וואס קען צוציהען און אנהאלטן א שטאנדהאפטיגע ארבעטסקראפט אט דא אין דעם הויפטשטאט ראיאן. איך בין שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט סענאטארשע Fahy (פעיהי) צו זיכער מאכן אז די Harriman קאמפוס איז מאדערניזירט און פונדאסניי איבערגעארבעט אלס אן אמת'ע אוצר פאר די קאמיוניטי וואס טרייבט לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע פארדינסטן פאר אלבאני אן קיין פארשווענדעטע שטח. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פארן שטיצן די היסטארישע אינוועסטירונג אין אונזער שטאט, און איך קוק ארויס צו זעהן די דעוועלאפּמענט פון דעם וויכטיגן פראיעקט."

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו, Daniel P. McCoy (דעניעל פּ. מעקקאָי), האט געזאגט,** "אויסגלאטן, מאדערניזירן און צוזאמגיסן זענען וויכטיגע עלעמענטן ביים האלטן ניו יארק אין פארנט ווען עס קומט צו באשיצן די געזונטהייט פון די פובליקום פון ניי-ארויסשטייגנדע דראאונגען. טוהן אלע פון די זאכן אויף די Harriman קאמפוס, ברענגען נאענט צו 800 מענטשן צו די איין איינריכטונג און זיך קאנצענטרירן אויף שטאנדהאפטיגקייט, ענערגיע און שפארזאמקייט זענען גרויסע געווינסן נישט נאר פאר די סטעיט נאר אויך פאר אלבאני קאונטי. די אנהויב פון קאנסטרוקציע איז די ערשטע טריט."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן